# יחיזהל

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת פינחס תשפ"ה / גליון קמ"א


הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (בא)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | ובזה יבואר קושיית |
| שני | ועם זה יתבאר עוד |
| שלישי | אמנם מה שמבואר בש"ס |
| רביעי | איתא בזוהר הקדוש |
| חמישי | והנה התורה מתחלת עד סוף פרשת בא |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624


0722 531 385

מערכת "קול דודי"

א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן

אין אמעריקע
605.313.6695

אין איידאפע
033.0551.7811

ספעציעלע אפטיילונג
קאמפיין "יחידה ליחדך"
אויף נומער 55


## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# ארויסמאלן פון דער ליניע

## מיר דינען נישט קיין 'חסד' און נישט קיין 'גבורה' - מיר דינען דעם אויבערשטן - 'דורך' די מדות וואס ער האט אונז געגעבן. און דערפאר קענען מיר אמאל טון פארקערט פון אונזער נאטור

דער זייגער האט געוויזן אויף 5:00. דער אלטער ר' אברהם'לע האט געכאפט א ציטער. שוין פינף און זעכציג יאר וואס ער האט נישט פארפאסט קיין 'ותיקין' - נישט קיין חילוק ווי פריה דער 'נץ' איז, און דא האט ער זיך אויפגעכאפט א שעה פארן נץ. "וואס טוה איך דא? איך קען דען זיך געבן א שטעל דאווענען אן קיין מקוה און הכנה צום דאווענען?".

ר' אברהם'לע הייבט אן שנעל אויסצורעכענען די פלענער אויף ווייטער: "אפשר זאל איך גיין אין מקוה בזריזות און זיך מיטכאפן מיטן מנין ותיקין? איך וועל טאקע נישט קענען זיך גרייטן צום דאווענען, און איך וועל נישט קענען געהעריג אינזין האבן די פסוקי דזמרה - אין אזא געיעג, אבער פון צווייטן זייט וועל נישט איבערהאקן מיין קביעות'דיגן מנהג - וועלכע האלט שוין אן איבער פינף און זעכציג יאר - צו דאווענען ותיקין".

פון ערגעץ וואו, פון טיפעניש פון זיין הארץ - א הארץ פון א לאנגיעריגער עובד ה' - האט א 'בת קול' זיך צושריגן: "וואס? איך זאל דינען 'ותיקין'? איך בין עפעס דא צו בויען א 'רציפות', אז ביי מיין לויה זאל מען קענען זאגן אז גאנצע זיבעציג יאר האב איך קיינמאל נישט פארפאסט 'ותיקין'? דאס איז מיין נושא אויף דער וועלט? איך דאוון 'ותיקין' פאר איין איינציגע סיבה, ווייל מיט דעם מאך איך א 'הידור' אינעם ענין פון תפלה! ווייל מיט דעם ווערט פרייליך אויבן אין הימל! ווייל מיט דעם ווער איך נענטער צום אויבערשטן! אבער צוליב דעם זאל איך יעצט גיין אפכאפן א דאווענען? האב איך דען א 'הוה אמינא' אז דער אויבערשטער וויל, אז איך זאל יעצט דאווענען 'ותיקין' און דערלייגן דעם 'עיקר' - וואס דאס איז די כונת התפלה? זיכער אז נישט! אלא מאי, מיין שטופ צו לויפן כאפן דעם 'ותיקין' איז נישט מער ווי נאכלויפן א 'הצלחה מדומה'...".

דאס דערציילטע איז נישט בלויז א משל אדער דוגמא, נאר דאס איז טאקע א 'מעשה שהיה', וועלכע האט פאקטיש פאסירט ביי איינעם פון די פארצייטישע חסיד'ישע אידן פונעם פריערדיגן דור, וואס ער האט טאקע ביי דעם פאל פארפאסט 'ותיקין' און געבראכן דעם 'רציפות' פון יארן לאנג - כדי צו קענען זיך גרייטן צום דאווענען. און ער האט עס נישט געטון מיט אן אראפגעלאזטן קאפ און מיט א געפיל פון 'בדיעבד', נאר מיט א 'שמחה של מצוה' און לכתחלה'דיגן געפיל.

## פינחס איז נישט געקומען פון א קנאי'שע משפחה

דער 'אגרא דכלה' אין דער וואכנדיגער סדרה שטעלט זיך: פארוואס פונקט דא - נאך וואס פינחס האט אפגעטון אזא קנאי'שער אקט - דערציילט אונז די תורה זיין גרויסן יחוס, אז ער איז אן אייניקל פון אהרן הכהן?

ענטפערט דער 'אגרא דכלה' מיט א הקדמה: **"דְּהִנֵּה אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה 'לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב' וְכוּ', פֵּרוּשׁ הַהַרְגָּזָה הוּא, דְּהִנֵּה אֵין תֵּמָה בַּעֲשׂוֹתוֹ מִצְוָה שֶׁהוּא אֵינָהּ נֶגֶד טִבְעוֹ, אֲבָל בַּעֲשׂוֹתוֹ הָאָדָם דָּבָר שֶׁהִיא מִתְנַגֶּדֶת לְטִבְעוֹ בַּעֲבוּר אַהֲבַת הַבּוֹרֵא לָזֶה יִקָּרֵא עוֹבֵד, וְזֶה הַפֵּרוּשׁ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה 'וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק וְכוּ' בֵּין עֹבֵד וְכוּ', שֶׁאֵינוֹ דּוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְמֵאָה וְאֶחָד'. וּפֵרֵשׁ בּוֹ בַּעַל הַתַּנְיָא, לִהְיוֹת שֶׁכָּל לִמּוּדָם הָיָה לִלְמֹד כָּל פֶּרֶק מֵאָה פְּעָמִים, עַל כֵּן שָׁב הָעִנְיָן לָהֶם לְהֶרְגֵּל טִבְעִי וְלֹא מִקְּרֵי עֲדַיִן עוֹבֵד אֱלֹקִים בָּזֶה, מַה שֶּׁאֵין כֵּן הָאַחַת הַיְתֵרָה שֶׁלֹּא כְּטֶבַע לָזֶה יִקָּרֵא עוֹבֵד אֱלֹקִים"**.

לכאורה, ווען א מענטש זיצט און חזר'ט איבער פרק 'איזהו נשך' הונדערט מאל, האט ער זיך דאך היבש געמוטשעט אויף תורה. אבער דאך זאגט די גמרא, אז ער הייסט נאכנישט קיין עובד ה'. אויב אבער, ער זעצט זיך אראפ און לערנט נאך איינמאל איבער דעם פרק - אה, יעצט איז ער געווארן אן עובד ה'... וואס איז דא דער חשבון? וואס איז איינס קעגן הונדערט? ווי קען 'איינס' מאכן די זאך - מער ווי הונדערט וואס האט דאס נישט געמאכט? ענטפערט דער בעל ה'תניא' (פרק ט"ו): פארצייטנס פלעגט זיין איינגעפירט, אז יעדער בחור'ל און אינגערמאן, האט גע'חזר'ט מינימום הונדערט מאל! אן דעם האט נישט געהייסן בכלל גע'חזר'ט. דאס איז געווען דער נארמאלער סטאנדארט. אבער ווען א אינגערמאן קומט און לייגט צו עפעס מער פונעם 'נארמאל' - אפילו בלויז איין קלייניקייט, ער לערנט נאך איינמאל - איז ער אן עכטער עובד ה'! ווייל ער האט געוויזן, אז ער טוט נישט וואס ער טוט - ווייל 'יעדער' טוט אזוי, נאר ווייל 'ער' וויל דינען דעם אויבערשטן! אזא איינער ווערט אנגערופן 'עובד אלקים'.

אט דאס זעלביגע - זאגט דער 'אגרה דכלה' - איז דא געווען ביי דער קנאות פון פינחס. **"וְהִנֵּה פִּינְחָס הוּא בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן שֶׁהֵם כֻּלָּם אַנְשֵׁי חֶסֶד רוֹדְפֵי שָׁלוֹם כְּמִדָּתָם מִדַּת הַחֶסֶד, וְהִנֵּה בְּוַדַּאי הָיָה טִבְעוֹ בְּתוֹלַדְתּוֹ שֶׁלֹּא לְהִתְכַּעֵס וְלֹא לְהִתְקַצֵּף וְלִהְיוֹת מֵרוֹדְפֵי שָׁלוֹם. וְהִנֵּה שִׁנָּה אֶת טִבְעוֹ הַמֻּרְגָּל עֲשׂוֹת נָקָם כָּזֶה בְּהֶרְגֵּשׁ מֻפְלָג בַּעֲבוּר אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ"**. די תורה שטרייכט אונטער, אז דער פינחס איז געווען פון משפחת כהן. 'משפחת כהן' איז א משפחה, וואס אין זייער בלוט לויפט אן אייגנשאפט פון גוטהארציגקייט און ווייכקייט; ווי באקאנט, אז 'כהנים' האבן שייכות מיט 'מידת החסד'. זיי זענען נישט פון די שארפע קנאי'שע משפחות, נאר פון די ליבליכע און פריינטליכע משפחות. קומט אויס, אז דער 'קנאות' פון פינחס, איז נישט געקומען פון זיין נאטור אויס, ער האט דאס נישט צוגעזען ביי זיינע עלטערן אינדערהיים און ער האט עס נישט געהאט אין דער בלוט.

נאר וואס דען? ער איז ארויסגעגאנגען פון 'זיין' נאטור און געוואוינהייט, און געטון וואס דער אויבערשטער וויל מען זאל טון אין אזא פאל ווען איינער איז עובר אן עבירה בפרהסיא. אה, אט דאס שרייט אויס 'אהבת השם יתברך'! ווייל ווילאנג א מענטש טוט נאר זאכן וואס זיין נאטור שטופט אים צו טון - אפילו טאמער ער איז א גרויסער 'בעל חסד' אדער א גרויסער 'קנאי' - ברענגט עס נאכנישט ארויס אז ער האט ליב דעם אויבערשטן, ווייל אפשר האט ער פשוט ליב די דאזיגע מדה און ער דינט די מדה. אבער ווען מען זעט ווי ער שטרענגט זיך אן פארן אויבערשטן - אפצונויגן פון זיין געוואוינהייט און נאטור - אט דאס ווייזט אז ער דינט טאקע בלויז דעם אויבערשטן אליינס צוליב זיין ליבשאפט צום אויבערשטן.

איך בין עפעס דא צו בויען א 'רציפות', אז ביי מיין לויה זאל מען קענען זאגן אז גאנצע זיבעציג יאר האב איך קיינמאל נישט פארפאסט 'ותיקין'?

די גרויסע מעלה וואס דא שטעקט איז, אז 'על הכלל כולו יצא'. דאס הייסט, אז פון יעצט און ווייטער, וועט נישט בלויז זיין 'קנאות' ארויסברענגען זיין אהבת ה', נאר אויך זיין 'מאכן שלום' און זיין פריינטליך צו מענטשן - וועט ארויסברענגען זיין אהבת ה', ווייל עס האט זיך ארויסגעשטעלט איינמאל פאר אלעמאל, אז אלץ וואס ער טוט - טוט ער בלויז פארן אויבערשטן, און נישט צו באפרידיגן זיין אייגענעם נאטור. אט דאס רופט זיך 'ברית שלום': **"בְּוַדַּאי מֵהָרָאוּי שֶׁיִּטֹּל שְׂכָרוֹ מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה בְּרִית שָׁלוֹם, לִהְיוֹת שֶׁהָפַךְ אֶת טִבְעוֹ הַמֻּרְגָּל לִרְדֹּף שָׁלוֹם, לְהַחֲרֵחַ בְּרִיב עִם כָּל יִשְׂרָאֵל, עַל כֵּן הֵשִׁיב אֶת הַחֵמָה וְנָטַל שְׂכָרוֹ בְּשָׁלוֹם. וְזֶה שֶׁרָמְזוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בַּמִּדְרָשׁ 'פִּנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן - אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּדִין הוּא שֶׁיִּטֹּל שְׂכָרוֹ', וְהָבֵן"**.

דוקא דער 'יחוס הכהונה' - דאס איז די סיבה פארוואס עס קומט אים אזא שכר, ווייל דוקא דורכדעם שטעלט זיך ארויס, אז ער האט דאס געטון בלויז פארן אויבערשטנ'ס כבוד. און איינמאל עס איז שוין קלאר געווארן, אז אפילו זיין נאטור פון 'שלום' קען ער מקריב זיין פאר אהבת ה' - איז שוין קלאר געווארן אז אלץ וואס ער איז מקריב - איז טאקע פארן אויבערשטן! עס

המשך אין עמוד ב

# שעצן יעדן איד

## פארוואס דארף מען טראכטן אז מיין שוואכערער חבר, איז גאר אסאך חשוב'ער ביים אויבערשטן ווי איך? • און ווער ס'טראכט נישט אזוי, איז 'גרוע מכל הרשעים'?!

**אברהם יצחק:** א גוטע נאכט.

**משפיע:** א גוט יאר, אברהם יצחק.

**אברהם יצחק:** מיר האלטן ממש אינמיטן א סוגיא. לעצטע וואך בין ארויס מיט א שטארקע קלארקייט, ברוך ה', אבער מיר האבן נאכנישט געענדיגט.

**משפיע:** יא. מיר האבן אנגעהויבן דורכטון דעם 'פרי הארץ', וואס לערנט אונז אויס וויאזוי מ'דארף אנקוקן אנדערע מענטשן, און אייגנטליך לערנט ער אונז וויאזוי מ'קוקט אויף זיך אליינס. ווייל ווילאנג מ'מיינט אז מ'איז אליינס אנגעקומען צו א מדריגה, איז מען מזלזל אין אנדערע וואס זענען נאך ווייט דערפון. אבער ווען מ'פארשטייט אז אלעס איז א מתנה פון אויבערשטן; דיין ביסל יראת שמים, דיין חשק צו לערנען און צו טון אין עבודת ה' - אלעס איז א מתנה אויף וואס האסט גארנישט געטון, וועסטו זיך נישט שפירן גרעסער און זיכער נישט מזלזל זיין אין קיינעם.

> דער אנדערער וואס האט נישט די אלע 'אורות' שטייט אין אמת'ן העכער ווי אים! ווייל ער האט באקומען אסאך א גרעסערע תפקיד

**אברהם יצחק:** מיר האבן אויך געלערנט אז כאטש ס'ווענדט זיך אין אונזערע בחירה, באקומען מיר אבער אסאך א גרעסערע שפע ווי די קליינע בחירה און השתדלות וואס מ'האט געמאכט.

**משפיע:** דאס איז איין נקודה, אז די שפע איז אן א שיעור גרעסער ווי דאס ביסל וואס מ'האט געטון. אבער ס'איז געווען נאך א נקודה, אז לאו דווקא ווער ס'טוט די ביסל השתדלות באקומט א שפע פון הימל, אזוי אז ס'מוז נישט זיין אז אונזער בחירה וועט ברענגען אן אור. דעריבער איז באמת נישטא קיין סיבה, צו מזלזל זיין אין א אנדערן וואס שטייט אין א שוואכערע דרגה רוחנית ווי דיר, ווייל ס'קען זיין אז ער האט אסאך מער בוחר געווען בטוב ווי דיר, פשוט ס'איז נגזר געווארן אויף אים אין הימל אז זיינע פעולות זאלן אים נישט ברענגען קיין אור.

**אברהם יצחק:** ס'איז שווער דאס צו פארשטיין. פארוואס באקומט ער טאקע נישט קיין אור? דער משפיע האט דעמאלטס געענטפערט אז ס'איז 'כבשי דרחמנא', ס'איז חשבונות פון אויבערשטן וואס מיר קענען נישט פארשטיין...

**משפיע:** ס'איז נישט מיין תירוץ; דער פרי הארץ אליינס פרעגט די קשיא און ער געבט דעם תירוץ, דא האסטו זיין לשון: "**וְאִם תֹּאמַר, וְכִי מַשּׂוֹא פָּנִים יֵשׁ בַּדָּבָר**"? פארוואס דער צווייטער, וואס האט געמאכט די זעלבע בחירה ווי דיר, און אפשר אפילו מער, האט נישט באקומען קיין שפע פון יראת שמים? די תירוץ איז, "**הֵן הֵם הַדְּבָרִים שֶׁהוּא מֻפְלָא וּמְכֻסֶּה מִמְּךָ... בַּהֲדֵי כַּבְשֵׁי דְרַחֲמָנָא לָמָּה לָךְ**", און מ'קען עס נישט פארשטיין.

**אברהם יצחק:** ס'ווענדט זיך נישט אינעם מענטשנ'ס רצון, נאר אינעם אויבערשטנ'ס רצון, און צומאל וויל עס דער אויבערשטער נישט געבן.

### ער איז שוואכער ווי דיר?!

**משפיע:** יא. און נאך מער; אפילו ווען איינער האט באקומען א מדריגה פון הימל, מוז נאכנישט זיין אז ער איז מער מרוצה אין הימל ווי דעם אנדערן וואס האט עס נישט באקומען. ס'קען זיין אז דער אנדערער וואס האט נישט די אלע 'אורות' שטייט אין אמת'ן העכער ווי אים! ווייל ער האט באקומען אסאך א גרעסערע תפקיד - צו מקדש זיין שמו ית' אויך אין זיינע טונקעלע פלעצער! די קלענסטע תנועה וואס ער טוט ברענגט אסאך מער נחת רוח אין הימל, ווי דעם אנדערן מיט די אורות!

**אברהם יצחק:** איין מינוט, כ'פארשטיי נישט. א בחור וואס כ'ווייס קלאר אז ער שטייט אין אסאך א נידריגערע דרגה ווי איך, מ'זעט קלאר אז ס'גייט אים אן שטותים און לאקשן און ער האט א קנאפע שייכות מיט עבודת ה' - שטייט אייגנטליך אין א העכערע דרגה ווי איך? ער האט א חשוב'ערע תפקיד ווי איך? ס'קען אפילו זיין אז דער אויבערשטער האט מער נחת פון אים ווי איך?

**משפיע:** פונקט אזוי. ס'שטייט קלאר ווייטער אין פרי הארץ, אז דער מענטש וואס "**הִשְׁלִיכוֹ ה' מֵעַל פָּנָיו לִמְקוֹם הַקְּלִפּוֹת וְנִסְיוֹנוֹת אֵלּוּ**", און די סיבה אונטער זיין מצב איז ווייל דער אויבערשטער "**רוֹצֶה בְּהִתְגַּלּוּת אֱלָקוּתוֹ גַּם שָׁם וּלְקַדֵּשׁ שְׁמוֹ בָּרַבִּים שֶׁהֵם הַקְּלִפּוֹת**"! דאס הייסט, דער מענטש וואס מוטשעט זיך מיט שווערע יצר הרע'ס, ער געפינט זיך אין א מקום פון קליפות וואס זענען שולט אויף אים, און מיט זיין זיך שטארקן אנטקעגן זיי איז ער מקדש שמו ית' אין די מקום הקליפות! דארט אין די נידריגע פלאץ שיינט אורו ית'! נישט יעדער קען טון אזעלכע עבודות, און דער אויבערשטער האט זיך נישט פארלאזט אויף יעדן צו טראגן אזא שווערע תפקיד! נאר יענעם האט השי"ת דערוועלט מיט דעם שליחות, דאקעגן דו "**לֹא כֵן ה' אֱלֹקֶיךָ עִמְּךָ!**" נאר "**נָתַן לְךָ רַחֲמִים אַהֲבָתוֹ וְיִרְאָתוֹ עַל פָּנֶיךָ**", ער געבט דיר 'אורות' און געפילן פון קירבת אלקים, ווייל ער ווייסט אז קענסט נישט טון אזעלכע שווערע עבודות. דעריבער האט ער רחמנות געהאט אויף דיר און דיר גלייך געגעבן אהבת און יראת ה'. קומט אויס אז דארפסט גאר ארויפקוקן אים און זיין עבודה, און זיכער נישט מזלזל זיין אין אים, חלילה.

**אברהם יצחק:** אינטערעסאנט. א מענטש וואס איז אין א שוואכערע דרגה, האט א גרעסערע תפקיד ווי איינער פון א העכערע דרגה... דאס איז א חידוש! אינגאנצן פארקערט ווי מ'איז געוואוינט צו טראכטן! אבער כ'טראכט, אז כאטש ער האט באקומען א חשוב'ערע תפקיד ווי איך, אבער ס'איז נאר חשוב ווען ער ערפילט טאקע דעם שליחות! ווען ער איז מקדש שמו ית' אין די נידריגע פלעצער! אבער וואס קען מען טון אז ער טוט דאס בכלל נישט; כ'זעה נישט ווי ער איז דארט מקדש שמו ית'... כ'זעה נאר ווי ער דרייט זיך ארום מיט א קלות ראש, און שלעפט זיך נאך פון אלע נידריגע זאכן. פארוואס זאל איך נישט מזלזל זיין אין אים?

**משפיע:** איין מינוט, און דו טוסט יא דיין תפקיד? ביסט זיכער אז דו פירסט אויס די שליחות וואס דער אויבערשטער האט דיר געגעבן? ס'קען זיין אז ער מיט זיין קליינע התגברות אין די פלאץ וואו ער געפינט זיך, ערפילט זיין שליחות מער ווי דו טוסט אין דיין דרגה! און בכלל, פארוואס ביסטו אזוי זיכער אז ווען דו וואלטסט געווען אין זיין מצב, וואלטסטו אויסגעקוקט בעסער ווי אים? אפשר ווען מ'וואלט דיר געגעבן אזעלכע שווערע נסיונות, וואלטסטו אויסגעקוקט ערגער ווי אים? והא ראיה; אויב מ'האט דיר נישט געגעבן די נסיונות, איז מסתבר אז דו וואלטסט זיי נישט געקענט ביישטיין...

**אברהם יצחק:** אוהו, שארף! עד כדי כך...

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

ליגט דא בלויז אהבת ה'! דערפאר גיבט אים דער אויבערשטער א שכר, צוריקצוגיין צו זיין נאטורליכע עבודה, אים צו קענען דינען מיט ליבליכקייט און פריינטשאפט.

### מער ווי דער אנגענומענער סטאנדארט

**דער כלל פון די אלע זאכן:** צומאל קומט אונז אויס, צו טון עפעס פארקערט פונעם אנגענומענעם סטאנדארט - פארן אויבערשטנ'ס כבוד וועגן. אמאל איז עס א נפש'דיגע מדה - וואס איז פארקערט פון אונזער נאטור, און אמאל איז עס סתם זיך איבערצושטרענגען צו טון א טובה פאר א איד, אין א צייט וואס איז נישט אנגענומען אוועקצוגעבן פאר יענעם - ווי אינמיטן די נאכט, אדער אינמיטן זינגען א דביקות'דיגע ניגון... דארפן מיר וויסן, אז מיר האבן דעמאלט א געלעגנהייט וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג. און אפילו אויב דער עצם זאך איז נישט אזוי גרויס 'בכמות' - איז עס אבער זייער גרויס 'באיכות'. ווייל דוקא אין יענע מינוטן - ווען מיר נויגן אפ פון אונזער געוואוינהייט, נאטור אדער סטאנדארט - ברענגט זיך ארויס אונזער אהבת ה', מער ווי פון אלע גרויסע און געוואלדיגע עבודות וואס מיר טוען נארמאל - ווען אלעס פארט לויט אונזער סדר און פלאן, לויט אונזער געוואוינהייט און קעסטל.

**לדוגמא:** טאמער ביסטו א קארגער פון נאטור, אפילו ווען דו גיבסט א קליינעם סומע געלט פאר צדקה - האסטו יעצט ארויסגעוויזן דיין אהבת ה' מיט דעם קליינעם סכום, און דו דארפסט דאס זייער שעצן און זיך פרייען דערמיט, ווייל לויט ווי שווער דאס איז דיר אנגעקומען - איז דאס חשוב'ער פון א צווייטנ'ס גרויסן סכום, וועלכע קומט פון נאטור אויס. אדער: טאמער ביסטו א ליבליכער און פריינטליכער פון נאטור - טאמער האלטסטו פאר דעם בעל עבירה - האסטו מיט דער איין מינוט קנאות ארויסגעוויזן אהבת ה' אן א שיעור! און דאס איז חשוב'ער ווי הונדערט ליבליכע ווערטער וואס דו ביסט משפיע יעדן טאג פאר אלע דיינע ארומיגע, ווייל יעצט טוסטו בטבע, און דער קנאות טוסטו 'נגד הטבע', בלויז ווייל דו האסט ליב דעם אויבערשטן.

אודאי, געווענליך דארף א מענטש 'זיך' קענען, ארויסהאבן זיין נאטור, און דינען דעם אויבערשטן דייקא מיט זיין מדה. אויב דער אויבערשטער האט אים באשאפן א 'כהן - איש החסד', דארף ער טון חסד, און אויב דער אויבערשטער האט אים באשאפן מיט 'מדת הגבורה' - דארף ער זיין א 'קנאי'. ווייל צוליב דעם האט דער אויבערשטער אים געגעבן די דאזיגע מדה, כדי ער זאל עס צוריקברענגען צום שורש און דינען דעם אויבערשטן דערמיט. אבער אין זעלטענע פעלער מאכט זיך דוקא א פארקערטער אויסשטעל, וואס מען רוקט אים אונטער אן עבודה וועלכע שטימט נישט מיט זיין נאטור, כדי ער זאל ארויסברענגען, אז אלץ וואס ער טוט שטענדיג לויט זיין נאטור - איז נישט סתם ווייל אזוי ציהט אים, נאר ווייל אזוי האט דער אויבערשטער א נחת רוח.

**משפיע:** נישט איך זאג עס, נאר אלעס שטייט דא אין פרי הארץ. ער שמועסט גוט אויס יעדע סארט מחשבה וואס מ'קען האבן אויף א אנדערן, און ער צונעמט עס. ווען מ'קומט דן זיין אויף יענעמ'ס נידריגע דרגה אין רוחניות, זאגט ער: **"אוֹ רִבֵּי הַנִּסְיוֹנוֹת** [האבן אים צוגעפירט צו דעם מצב, און ס'איז בכלל נישט זיכער אז דו וואלטסט עס געקענטביישטיין -] **וְאַל תָּדוּן אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ** [ווייל ווען דו וואלטסט געווען אין זיין פלאץ, וואלטסטו אפשר אויסגעזען ערגער ווי אים, און נישט נאר דאס, נאר ס'קען זיין אז] **בְּמָקוֹם שֶׁהוּא עוֹמֵד אֲפִלּוּ צַדִּיק גָּמוּר לֹא הָיָה יָכוֹל לַעֲמֹד בֶּאֱמוּנָתוֹ, וְהָיָה רַק רַע הַרְבֵּה יוֹתֵר מִמֶּנּוּ"!** ס'שטייט דא זייער קלאר אז מ'טאר קיינמאל נישט מזלזל זיין אין קיינעם, ווייל דו ווייסט נישט ווער ס'איז מער חשוב ביים אויבערשטן. ס'קען גאר זיין אז דו וואלטסט אויסגעקוקט אסאך ערגער ווי אים!

**אברהם יצחק:** או הא. כ'האב פונלאנג געהערט אז דער פרי הארץ רעדט זייער שארף; יעצט זעה איך עס אליינס...

## אפשר ביסטו שולדיג דעריין?

**משפיע:** ס'ווערט נאך שארפער... ער זאגט ווייטער אז אפילו ווען מ'זאל זאגן אז יענער טוט נישט וואס ער וואלט געדארפט טון, קען אבער זיין אז דו ביסט שולדיג דערויף! **"אוּלַי עֲוֹנְךָ גָּרְמוּ לוֹ וְחַטֹּאתֶךָ מָנְעוּ הַטּוֹב מִמֶּנּוּ"!** דער פרי הארץ טענה'ט אז ס'קען זיין אז דו מיט דיינע עבירות האסטו צוגעברענגט דיין דורכפאל, און די סיבה דערצו איז, **"מִפְּנֵי הֱיוֹת כָּל יִשְׂרָאֵל עֲרֵבִים וּמְעֹרָבִים נֶפֶשׁ אַחַת מַמָּשׁ בְּשָׁרְשָׁם"**, דערפאר מיט דיין פגם האסטו אים גורם געווען א גרויסע נפילה, אזויווי צדיקים האבן געזאגט אז ווען א חסיד טוישט א קלייניגקייט אין זיין לבוש, ברענגט ער אז ס'זאל זיך שמד'ן א איד אין פאריז, רח"ל. דו שטייסט און ביסט מזלזל אין אים, און ס'קען זיין און דו ביסט גאר דער שולדיגער דעריין!

**אברהם יצחק:** בקיצור, מ'קען זיך נישט ארויסדרייען דערפון. מ'קען קיינמאל נישט מזלזל זיין אין קיין שום מענטש. די מעלות וואס איך האב זענען בכלל נישט אין מיין זכות, און ס'מוז ניטאמאל זיין אז כ'האב מער בוחר געווען בטוב ווי דעם אנדערן. ס'איז מעגליך אז זיין עבודה איז אסאך חשוב'ער ווי מיינ'ס, און דאס ביסל וואס ער טוט איז אסאך גרעסער ווי מיינע עבודות. און די זאכן אין וואס ער פאלט דורך, קען זיין אז איך בין דער אחראי דערויף... אזוי אז קיינער האט נישט קיין מעלות אויף קיינעם. אויב עפעס, איז א שאלה אויב דער אויבערשטער איז צופרידן פון מיר...

**משפיע:** ס'איז נישט קיין שאלה. ווייל אלעס וואס מיר האבן ביז יעצט גערעדט, גייט אויך ארויף אים דיר. די גאנצע חיזוק אז דער אויבערשטער האט נחת רוח פון יעדע התגברות אין א נסיון און יעדע שליחות וואס מ'ערפילט - קען דיר אויך געבן חיזוק אין דיינע שווערע זמנים. ס'איז בכלל א חיזוק אז יעדער האט זיין תפקיד און זיין עבודה. נאר וואס; ס'מאכט אז מ'זאל אויפהערן שפירן א זלזול אויף יענעם! ווייל מ'הייבט ניטאמאל אן צו פארשטיין וואס יעדער טוט אויף, און וואס זיין דרגה און קירבה איז צום אויבערשטן.

**אברהם יצחק:** יעצט איז אלעס זייער קלאר. ווען מ'האט אזא בליק, הייבט מען אן שעצן יעדן איינעם.

**משפיע:** דער יסוד פון אלעס איז צו געדענקען, **"שֶׁמִּשּׁוּם נְקֻדַּת אֱמוּנָתוֹ בּוֹ יִתְבָּרַךְ גַּם כֵּן מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי הוּא הַנּוֹתֵן לוֹ לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת וְאָזְנַיִם לִשְׁמֹעַ"**, אזויווי ער זאגט ווייטער, **"עִקָּר וְשֹׁרֶשׁ הַכֹּל, שֶׁאֵין בִּיכֹלֶת הָאָדָם בְּעַצְמוֹ לַעֲשׂוֹת שׁוּם מַעֲשֶׂה וְחֶשְׁבּוֹן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וּלְהִדָּבֵק בְּדַרְכֵי ה' יִתְבָּרַךְ, כִּי אִם עַל יָדוֹ יִתְבָּרַךְ הַבּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ אַהֲבָתוֹ וְיִרְאָתוֹ עַל פָּנָיו"**. אויף אט דער יסוד שטייט אונזער גאנצע עבודת ה', אזויווי ער זאגט אז אן די אמונה, איז **"אֵין שׁוּם אֶפְשָׁרוּת הַתְחָלַת אֶפֶס קָצֵהוּ שֶׁל עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ"**.

ווייל ווילאנג א מענטש טראכט און שפירט אז ער איז אנגעקומען צו וואס ער איז אנגעקומען דורך זיינע אייגענע כוחות, און צוליב דעם איז ער מזלזל אין אנדערע - איז ער אינגאנצן אפגעריסן פון אויבערשטן, אזויווי ער זאגט ווייטער: **"אָדָם הַמְדַמֶּה בְּנַפְשׁוֹ שֶׁכֹּחוֹ וְעֹצֶם יָדוֹ עָשָׂה לוֹ אֶת כָּל הַחַיִל לִלְמֹד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל הַתּוֹרָה, הֲרֵי הוּא שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל! וּכְמוֹ שֶׁאֵין לוֹ אֱלֹקַ מַמָּשׁ! וּבְוַדַּאי הוּא כֵּן וּפָחוּת וְגָרוּעַ הוּא מִכָּל הָרְשָׁעִים כַּיָּם נִגְרָשׁ! וּמוֹסִיף כֹּחַ בַּקְּלִפָּה יוֹתֵר מִכָּל הָרְשָׁעִים! וְיוֹרֵד מַטָּה מַטָּה, וְהוּא נִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף, שֶׁהוּא מַפְרִיד הַיִּרְאָה שֶׁהִיא הַשְּׁכִינָה מֵחֵי הַחַיִּים, בְּאָמְרוֹ כִּי לֹא מִן הַשֵּׁם הוּא זֶה וְיָדוֹ עָשְׂתָה זֹאת"**. דאס הייסט שארף! אויב שפירסטו אז דו האסט א מעלה וואס דיין חבר האט נישט, הייסט אז דו שפירסט אז דו האסט אייגענע כוחות און דאס מיינט אז ביסט מפריד דיין יראת שמים פון אויבערשטן! ביסט מייחס דיין יראת שמים צו זיך, אנשטאט צום אויבערשטן.

**אברהם יצחק:** ס'הערט זיך זייער שרעקעדיג... ווער ס'טראכט אזוי איז 'גרוע יותר מכל הרשעים'? ס'איז שוה לכל נפש?

**משפיע:** ס'איז טאקע זייער שארף, ער שניידט טאקע שטיקער, אבער די מסקנא דערפון איז שוה לכל נפש. די מסקנא איז, אז מ'דארף כאפן אז אונזער עבודה ווענדט זיך אין אויבערשטן, און אלעס וואס מיר האבן איז א מתנת חינם פון אויבערשטן, און מ'דארף באמת אויפהערן צו מזלזל זיין און קריטיקירן אנדערע מענטשן, נאר מ'דארף אנהייבן מעריך זיין יעדער איד אפגעזען אין וועלכע דרגה ער איז. דאס איז שוה לכל נפש, און ס'ברענגט אז מ'זאל האבן א רואיגע, גוטע לעבן, מיט א פאזיטיווע בליק אויף יעדן איד.

**אברהם יצחק:** זייער קלאר, און א גרויסן יישר כח!

### פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**'סור מרע ועשה טוב' זוען די ביזט עוסק אין 'עשה טוב' לערנען און דאווענען, זאל זיין אין דיינע אויגן 'סור מרע' כאילו האסט קיינמאל נישט געטון שלעכטס.**

הרה"ק ר' מרדכי מלעכעוויטש זי"ע (מירא דכיא, תהלים)



# א אמת'ער פסק דין

א בייזע שושקעריי איז דורכגעלאפן צווישן די מאסן חסידים, וואס זענען געשטאנען מיט אפענע מיילער אנקעגן די שרעקליכע סצענע וואס האט זיך אפגעשפילט פאר זייערע אויגן. די פגיעה אין זייער רבינ'ס כבוד איז געווען אומדערטרעגליך, און האט געפאדערט א שארפע רעאקציע.

אלץ האט געווארט צו זען וואס גייט דא יעצט פאסירן. וואס גייט דער רבי, דער הייליגער טריסקער מגיד זי"ע טון? גייט ער פארשווייגן, אדער מוחה זיין אויף זיין כבוד?

שוין לאנגע וואכן, וואס די איבערראשטע חסידים האבן זיך געגרייט צום גרויסארטיגע חתונה בבית צדיקים. די הערצער האבן גערוישט פון התרגשות, און די הענט זענען געווען טיף פארנומען.

א קלייניגקייט? ביי דער חתונה האבן אנטייל גענומען א רייע גדולי הדור, ווען אויבן-אן זענען געזעצן דער הייליגער טריסקער מגיד זי"ע און זיין מחותן, דער הייליגער הוסיאטינער זי"ע. חסידים האבן געשטראמט אין די טויזנטער צו די פלאץ וואו די חתונה איז פארגעקומען.

צווישן די פילע חסידים וואס האבן זיך געשטופט בשעת די סעודת החתונה, איז אויך געשטאנען בערל.

בערל איז געווען א פשוט'ער, תמימות'דיגער איד, וואס אהבת ה' און אהבת הצדיקים האט געברענט אין זיין הארץ.

בערל האט באטראכט דעם אויבן-אן מיט א בייזע בליק. 'זיי זענען מער מכבד דעם טריסקער מגיד ווי מיין רבי'ן!' האט ער געטראכט צו זיך א נארוועזער, 'ס'איז דאך ממש א בזיון התורה!'

אויפאמאל האט א רוח פון חסיד-שוטה'שאפט איבערגענומען בערל'ען. ער האט באשלאסן אז ער גייט טון למעשה.

בערל האט זיך האסטיג דערנענטערט צום שולחן הכבוד, אנגעכאפט די ווייסע טישטוך מיט זיינע הענט, און מיט א פארפלאמטן פנים געגעבן א ציה די טישטוך פון דאס פלאץ וואו דער 'מגן אברהם' פון טריסק איז געזעצן.

א גערויש פון צעבראכענע גלאז האט אפגעקלינגען איבערן זאל. די טעלער זופ פארן צדיק האט זיך מיטגעשלעפט מיטן טישטוך, און האט אראפגעטראסקעט אויף די ערד מיט א הילכיגן זעץ.

די מאסן זענען געשטאנען געפלעפט און שאקירט.

די הויכע גערוישן האבן אויך אויפגעוועקט דעם הוסיאטינער צדיק פון זיינע מחשבות. דער צדיק האט געעפנט זיינע אויגן, און געזען די טישטוך, די צעבראכענע טעלער און דעם רויטן בערל.

א שטארקע חלישות הדעת האט באנומען דעם הוסיאטינער צדיק.

"מ'זאל שוין שטעלן א בית דין", האט דער צדיק אריינגערוימט זיין גבאי אין אויער, "שטעל צוזאם אפאר דיינים, און זייט דן וואס מ'דארף מעניש זיין פאר בערל".

דער צדיק האט באשלאסן אליינס אויסצואוועלן די דיינים פארן בית דין, ווען אין שפיץ האט ער געשטעלט דעם גרויסן גאון וקדוש, באקאנט אלס דער 'כוכב מיעקב' זי"ע פון הארימלוב - פאטער פונעם גרויסן טשעבינער רב זי"ע.

די מאסן חסידים האבן נאכגעפאלגט די הלוך-ילך פונעם דיון מיט שפאנונג, ווען צום סוף האט זיך אויפגעשטעלט דער ראש בית דין און ארויסגעגעבן זיין פסק. "שמעו נא רבותי דיינים מומחים", האט דער 'כוכב מיעקב' אנגעהויבן דעם פסק דין, "ס'ליגט א סיבה אונטער די נארישקייט וואס ר' בערל האט געטון. ר' בערל האט ב"ה א שטוב פול מיט קליינע קינדער, און ס'הערשט א מורא'דיגע ארעמקייט ביי אים אינדערהיים.

"ווי באקאנט, חז"ל זאגן אז 'עניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו', און דעריבער קען עס אויך צוברענגען פאר א מענטש צו טון אזא נארישקייט.

"ממילא", האט דער גאון געהויבן זיין שטימע, "האט דער בית דין גע'פסק'נט, אז דער רבי זאל זיין געזונט פון הוסיאטין זאל משפיע זיין גרויסע השפעות פון פרנסה פאר ר' בערל! און אזוי, ווי נאר ר' בערל וועט מער נישט האבן קיין דאגות פון פרנסה, וועט ער מער נישט אנקומען צו אזעלכע מצבים..."

יעדעס מאל דער טשעבינער רב זי"ע האט דערציילט די מעשה - ווי ער איז געווען אנוועזנד אלס קינד - האט ער צוגעלייגט, בשעת הייסע טרערן זענען גערינען פון זיינע הייליגע אויגן.

"דער טאטע זצ"ל האט זיך אינגאנצן אוועקגעגעבן פאר די פרנסה פון א צווייטער איד, און כאטש ער האט פארשטאנען אז דער רבי פון הוסיאטין איז דעמאלטס געווען אין א מצב פון גבורה דקדושה, און איז געווען גרייט צו מעניש זיין דעם איד וואס האט זיך דערוואגט צו פארשוועכן די כבוד פון א צדיק אמת, האט ער זיך אריינגעלייגט אין א סכנה צו ממתיק זיין דעם דין.

"ווייל אזוי האבן אונז אונזערע הייליגע רבי'ס זי"ע אויסגעלערנט, אז יעדער איד וויל נאר טון גוטס, פשוט זיינע טירדות פארפירן אים פון זיין אמת'ן רצון".

איבריג צו זאגן, אז דער הוסיאטינער רבי האט אויסגעפאלגט דעם פסק דין, און ער האט משפיע געווען א שפע רב פאר בערל, וואס איז געוויס געווארן א נייער מענטש, און זיך מיישב געווען 'דעתו ודעת קונו'.

**מקור: הגה"צ ר' צבי מאיר זילברבערג שליט"א**

# זען יענעמס חסרונות

## איז בכלל דא אן עבודה נישט צו זען קיין חסרונות אויף קיין שום איד? און אויב יא, וויאזוי קומט מען אן דערצו?

## שאלה:

כ'בין א מענטש וואס פון נאטור ברענט מיר ווען איך זעה געוויסע עוולות ביי אנדערע מענטשן. דער פראבלעם איז, אז יעדעס מאל כ'זעה ווי איינער טוט אן עוולה, ברענגט עס מיר די פארקערטע פון 'אהבת ישראל', חלילה. וויאזוי געבט מען זיך אן עצה דערמיט?

## תשובה:

### א איד האט א אנדער דין

צוערשט דארף מען טוישן די גאנצע וועג וויאזוי מ'קוקט אן א איד. **א איד איז נישט סתם א מענטש; ער איז א 'חלק אלוק ממעל'.** ווען דו וועסט קלאר ווערן ביי זיך, אפילו כאטש טיילווייז, אז א איד איז א נשמה אלקית וואס איז פארבונדן מיט אויבערשטן, און פאר וועמען די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן - וועסטו אויטאמאטיש אויפהערן זען סיי וועלכע עוולה אויף קיין שום איד.

און דאס איז צוליב **צוויי סיבות:**

די **ערשטע סיבה** - משל זיך אויס דער מענטש וועמען דו טוסט דאס מערסטע ארויפקוקן און ליב האבן, און שטעל זיך פאר ווי ער האט געטון א געוויסע טעות. געווענליך וועסטו עס ניטאמאל באמערקן, און אפילו ווען יא, וועסטו אים פארענטפערן מיט טויזנט תירוצים און עס וואס מער פארקלענערן, ווי גלייך ער האט געטון גאר א מינדערוויכטיגע טעות. ס'דארף זיין פונקט די זעלבע זאך ווען ס'רעדט זיך פון סיי וועלכער איד! א איד איז דער מערסט געהויבענער נברא פון די גאנצע בריאה - און נאך פיל מער ווי דעם, און וואלטסט נישט געדארפט באמערקן קיין שום עוולה אויף אים!

די **צווייטע סיבה** - ווען ס'איז דיר קלאר און גלאט, אז יענער איד איז א 'חלק אלוק ממעל' און אז אויך דו ביסט א חלק אלוק ממעל, און איר זענט נישט קיין צוויי באזונדערע מענטשן, נאר איר זענט איין גרויסע מציאות וואס איז דבוק אין אויבערשטן - אויב אזוי, פאר אלעס, ווילסטו דאך נישט טרעפן קיין חסרונות אויף זיך אליינס... און אפילו ווען דו טרעפסט געוויסע עוולות ביי זיך, וועסטו זיך נאכנישט אליינס פיינט האבן צוליב דעם. פארקערט, וועסט רחמנות האבן אויף זיך. און פונקט אזוי וועט זיין דיין יחס צו יעדער אנדערער איד, וויבאלד איר זענט ביידע איינס.

### וויאזוי ווייסטו וואס ס'טוט זיך ביי יענעם?

אבער ביז ווילאנג געוואוינסט זיך איין צו האבן דעם סארט בליק, און אפילו נאכדעם וואס מ'האט עס קונה געווען ביי זיך, זענען נאך דא פארשידענע 'למעשה'דיגע' כלים וואס מ'דארף טון, כדי זיך איינצוגעוואוינען צו טראכטן גוט אויף א איד. און

עס זענען דא אויף דעם **גע'פסק'נטע הלכות**, נאר דאס טיילט זיך צווישן **אמת'ע עוולות**, אדער געוויסע זאכן וואס **מ'שטעלט זיך פאר** אז ס'איז געווען אן עוולה.

אויב מ'שטעלט זיך עס נאר פאר, ס'איז נאר א **השערה**, למשל ווען דו ווייסט אויף א געוויסער מענטש אז ער געבט נישט קיין צדקה, אבער דו קענסט נישט וויסן אויב ער געבט מתן בסתר צי נישט - גייט דאס אריין אין כלל פון די הלכה פון **"הוי דן את כל אדם לכף זכות"**, וואס דאס מיינט אז אויב ס'איז דא צד זכות און א צד חוב, און ס'האנדלט זיך וועגן א מענטש וואס האט א חזקת כשרות, איז מען מחויב אים צו דן זיין לכף זכות.

און מ'דארף וויסן, אז די הלכה איז נישט נאר א 'גזירת הכתוב', נאר ס'איז אויך א פשוט'ע סברא. ווייל אין מערסטנס פעלער רעדט מען פון בלויזע חשדות, אזויווי יעדער מענטש קען מעיד זיין אויף זיך אליינס, אז אן א שיעור מאל איז ער געווען זיכער אז דער אנדערער האט געטון א שרעקליכע עוולה, און צום סוף האט זיך ארויסגעשטעלט אז די דעטאלן זענען געווען פונקט פארקערט ווי ער האט געמיינט. (און דאס דארף מעורר זיין דעם מענטש צו תשובה, וויבאלד אויב ער האט זיך געאיילט אפצופסק'ענען יענעם 'לכף חוב', איז א סימן אז ער איז מער נוטה צו 'כף חוב' ווי צו 'כף זכות').

און אפילו ווען ס'איז נישט נאר א השערה, נאר האסט געזען **מיט דיינע אייגענע אויגן** ווי יענער מענטש רעדט אינמיטן דאווענען אדער שטייט אין גאס און קוקט אויף א ראיה אסורה רח"ל, גייט נאך אלץ אן דעם מאמר חז"ל פון: "אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו", און ווי דער בעל ה'תניא' איז עס מסביר, (אין פרק לב, און די זעלבע ענין ווערט געברענגט אין ספר 'שיח שרפי קודש' פרשת קדושים, בשם הרה"ק מווארקא זי"ע, און נאך אסאך ספרים הק'), אז "מקומו גורם לו לחטוא", ווייל יענער מענטש האט אסאך א גרעסערער יצר הרע, און אן אנדערע סארט סביבה, און ער האט אויך נישט אין זיך גענוג כח הטוב זיך צו מתגבר זיין אויף דעם כח הרע, און דערצו איז דא אסאך מאל וואס ער ווייסט ניטאמאל אז ס'איז אזא הארבע איסור (אדער אז ס'איז בכלל אן עבירה) - אזוי אז נישט אומזיסט האבן חז"ל געזאגט אז "שגגת תלמיד חכם עולה זדון", דאקעגן די 'זדון' פון אן עם הארץ ווערט פאררעכנט ווי א 'שגגה'.

און ווי אויבנדערמאנט, איז אויך דער חלק בדוק ומנוסה, אז פיל מאל ווען מ'זעט ווי איינער ווערט נכשל מיט עפעס א איסור ח"ו, און מען איז אים מעורר דערויף, ענטפערט ער אז ער האט גארנישט געוואוסט אז ס'איז אסור, אדער אז ער האט געמיינט אז ס'איז נאר עפעס א 'הידור' אדער 'חומרא' וואס איז איינגעפירט, און ער האט נישט גע'חלומ'ט אז ער טוט עפעס וואס דער אויבערשטער וויל נישט.

דעריבער איז מעגליך און ס'איז אפילו שטארק מסתבר, אז ווען דו וואלטסט געווען אין זיין פלאץ וואלטסטו דורכגעפאלן אסאך מער ווי אים. פארקערט, ער, כאטש צומאל פאלט ער דורך, אבער קענסט נישט וויסן וויפיל מאל ער איז זיך מתגבר. די פאקטישע מציאות ווייזט, אז יעדער איינציגער איד וויל דינען דעם אויבערשטן מיטן גאנצן הארץ, אויף אזוי ווייט אז היינטיגע צייטן איז כמעט נישטא אזא מושג ווי א מענטש וואס טוט אן עבירה 'להכעיס'. פארקערט, ווען מ'קוקט צו מיט א טיפערע בליק, קען מען אויפכאפן ווי אפילו "פושעי ישראל מלאים מצוות כרימון" - ווער רעדט נאך פון דיינע חברים, וואס זענען ערליכע אידן יראים ושלמים שומרי תורה ומצוות. דעריבער דארפסטו נאר טרעפן גוטע נקודות אויף זיי, און מצד די פאר עוולות וואס זיי טוען - זאלסטו נאר רחמנות האבן אויף זיי.

(מ'דארף צולייגן, אז ס'איז דא נאך א סעט פון 'עוולות', וואס זענען די זאכן וואס יענער סך הכל טראכט אנדערש ווי דיר, אדער אז ער גייט לויט אן אנדערער רב ווי דיר - אזעלכע זאכן זענען ניטאמאל 'השערות פון עוולות' און זיכער נישט קיין 'עוולות', און דעריבער פיינט האבן ח"ו א איד צוליב א זעלכע זאכן איז שוין איינמאל א עוולה...).

### דער איסור פון טראכטן שלעכטס אויף א איד!

**צום שלוס דארף מען אונטערשטרייכן: על פי הלכה טאר מען נישט טראכטן שלעכטס אויף א איד!** דער 'תניא' שרייבט ('אגרת הקודש' סימן כב), אז אויך 'מַחְשֶׁבֶת לשון הרע' איז אסור. ווייל ווי חז"ל שטלען אוועק אז לשון הרע איז שפיכת דמים, און פונקט ווי מ'טאר נישט האבן קיין מחשבות פון עבודה זרה און גילוי עריות, אזוי אויך טאר מען נישט האבן קיין מחשבות פון שפיכת דמים. וועסטו וועלן פרעגן: מילא ווען מ'רעדט לשון הרע, אבער נאר טראכטן לשון הרע? **וואספארא 'בלוט' ווערט דעמאלטס 'פארגאסן'?** די ענטפער איז, אז אט די מחשבה ברענגט א מורא'דיגע קטרוג אויף יענעם איד אין הימל. און ס'איז באקאנט די מעשה וואס ס'איז געווען ביים הייליגן בעל שם טוב זי"ע, אז איין ראש השנה האט זיך איינער פון די תלמידים אראפגעבויגן אויפצוהייבן זיין טאביק-פושקע, און איינער פון די תלמידים האט זיך געוואונדערט אויף אים ביי זיך אין הארץ. דערנאך האט דער בעש"ט מגלה געווען, אז צוליב זיין זיך וואונדערן אויף יענער תלמיד, האט ער מעורר געווען א גרויסע קטרוג אויף יענעם תלמיד אין הימל, אויף אזוי ווייט אז מ'האט גע'פסק'נט אויף אים אז ער זאל נישט מוציא שנתו זיין, ח"ו. און נאר ווען ער האט אים צוריק דן געווען לכף זכות, איז נתבטל געווארן דער קטרוג.

**און מ'דארף וויסן נאך א נקודה, אז ווען א מענטש טראכט שלעכטס אויף זיין חבר, טוט ער סך הכל זיך אליינס אפ'משפט'ן.** אזויווי דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע שמועסט אויס (קדושים), אז ווען מ'וויל דן זיין א מענטש אין הימל אויף א געוויסע חטא וואס ער האט געטון, דרייט מען אן אז ער זאל זען ווי אן אנדערער מענטש טוט די זעלבע עבירה, און אויב נעמט ער עס אן, אז יענער האט געטון א שלעכטע זאך - פסק'נט מען אים 'לרע', חלילה. אבער אויב ער איז אים דן לכף זכות - איז מען אים אויך דן לכף זכות למעלה.

**זאל דער אויבערשטער העלפן, אז מ'זאל זוכה זיין צו דעם "שנראה כל אחד מעלת חברינו ולא חסרונם"!**

הפצת הגליון בק"ק וויען נתנדב ע"י

ברכת מזל טוב
שלוחה בזה לידידנו החשוב העומד תמיד לימיננו
הרה"ח ר' זאב יצחק דויטש שליט"א פטרון הגליון לחודש תמוז
לרגל הולדת נכדתו הראשונה למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה ומכל יוצ"ח רוב נחת דקדושה

ברכת מזל טוב
שלוחה בזה לידידנו המסור בלב ונפש למען זיכוי הרבים
פע"ח בנש"ק הרה"ח ר' חיים מאיר כ"ץ שליט"א
לרגל שמחתו בהולדת בנו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנו רוב נחת דקדושה

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הנכבד
הרה"ח ר' ישראל מאיר דויטש שליט"א 'תומך חיים'
לרגל הולדת בתו בכורתו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת דקדושה

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483